וו. קאָראָלענקאָ.

פערלאג: „מעשה׳ליך".

# 1) דער בלינדער יונגעלע.
# 2) דאָס פּאָסטובעל.

#215

ארויסגעגעבן — פון מ. חורנבוים.

וואַרשא.

# דער בלינדער שלמה'לע.

איינמאָל איז שלמה'לע, א בלינד יונגעלע, וואָס האָט זעהר שען געשפּיעלט אויף א פידעל, געזעסען איינער אליין אויפ'ן בערגיל ביים טייך. די זון איז פערגאנגען, ארום איז געווען שטיל און גאָר פון וויטען האָט זיך דערטראָגען א ברום פון א בְּהֵמָה.

שלמה'לה האָט זיך געלעגט אויפ'ן ווייכען גראָז, און א לייכט אָווענד-ווינטעלע האָט איהם געגלעט די באקען. נאָר פּלוצלונג האָט ער דער-הערט טריט. אומבעקאנטע טריט. שלמה'לע האט זיך אויפגעזעצט מיט פערדרוס ווער איז דאָס געקומען איהם שטערען?

— יונגעלע!—האָט ער פּלוצלונג דערהערט

א קול פון א קינד,—ווייסטו נישט, ווער האָט עס נאָר־וואָס געשפּיעלט?

דאָס בלינדע יונגעלע האָט ליעב געהאַט צו זײַן אליין, אָהן מענשען, און דעריבער האָט ער אזוי ווי בייזלעך אָבגעענטפערט:

— דאָס האָב איך געשפּיעלט...

גערעדט האָט צו איהם א מיידעלע.

— אַך, ווי שען געשפּיעלט!—האָט געזאָגט דאָס מיידעלע.

ש'ל'מ'ה'לע האָט איהר נישט געענטפערט.

— פארוואָס געהסט איהר נישט אוועק?— האָט זי ש'ל'מ'ה'לע דערנאָך געפרעגט, ווען ער האָט געפיהלט, אז זי שטעהט נאָך אלץ אויף איין אָרט.

איהם האָט זיך געוואָלט זײַן אליין, ארײַנ־טהאָן זיך אין דער שטילקײַט און טראכטען וועגען זײַן פידעל.

— פארוואָס טרײַבסטו מיך?—האָט געפרעגט



ASOCIACION RACIONALISTA ISRAELITA
BUENOS AIRES

Club Infantil Racionalista ISRAELITA
Bs. AIRES

דאָס מיידעלע מיט אַ ריינעם און אַ גוטען קול.

און דער קלאַנג פון דעם דאָזיגען קול האָט זיך מְחַיֶה׳דיג געגאָסען אין דעם בלינ־דענם אויער׳ל. עס ווילט זיך הערען אזא קול. דאָך האָט ער קאַלט געענטפערט:

— איך האָב נישט ליעב, אז מען געהט צו מיר...

האָט זיך דאָס מיידעלע פונאנדערגעלאַכט.

— פארוואָס האָסטו נישט ליעב, — האָט זי לאַכענדיג געפרעגט — ביזטו אַ וואָלף, וואָס מען טאָר נישט געהן פארבײַ דיר? אָדער די גאַנצע ערד איז דײַנע?

— די מאַמע האָט אלעמען פערזאָגט, אז מען זאָל אהער צו מיר נישט קומען.

לאַכט דאָס מיידעלע ווידער, אָבער שוין שטילער.

— און מײַן מאַמע, — האָט זי פערטראַכט גע־זאָגט — האָט מיר געהייסען שפּאַצירען פארבײַ טײַך.

שְׁלמה׳לע איז געוועהנט, אז מען זאָל איהם פאָלגען, מען זאָל הערען, וואָס ער זאָגט. אלע־מאָל פאָלגט מען איהם. פארוואָס רעדט דאָס מיידעלע אזוי פיעל? שווײַגען דארף זי און אוועק־געהן. און ער איז אין כַּעַס געוואָרען:

— געהט אוועק פון דאנען!.. איך בעט אײַך, געהט אוועק פון דאנען!..

של׳מ׳ה׳לע איז נאָכמעהר אין כַּעַס געוואָרען און ער וואָלט אַוַדאי שטארקער אָנגעשריי־גען אויפ׳ן מיידעלע, נאָר דאָ האָט איהם פּלוצלונג א רוף געטהאָן דער שטוב־מענש בינוש.

— שְׁל׳מ׳ה׳לע, טהוי טרינקען.

שְׁל׳מ׳ה׳לע האָט זיך האסטיג א ריס געטהאָן פון אָרט און א ארויסגעלאָפען פון בערגיל.

— דו ביזט א שלעכט יונגעל! — האָט איהם דאָס מיידעלע נאָכגעשריען.

אויף מאָרגען איז שְׁל׳מ׳ה׳לע ווידער געזע־סען אויפ׳ן בערגיל און געטראכט וועגען דער מיי־

דעלע. אָבער איצט האָט ער צו איהר קיין פער-דרוס נישט געפיהלט. ער וואָלט אַפּילו געוואָלט, זי זאָל קומען. זי האָט אזא ליעבען, הארציגען און רוהיגען קול.

אזא קול האָט ער נאָך אייגענטליך קיינמאָל נישט געהערט. די בעקאנטע קינדער, האָט גע-טראָפען, האָבען הויך געלאכט, געשריען, גע-וויינט, געזונגען, אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געהאט אזא קול.

און פערדראָסען האָט איהם, וואָס ער האָט זיך זעכטען געבייזערט אויפ'ן מיידעלע, וואָס ער האָט זי געטריבען פון זיך. מעהר וועט זי שוין נישט קומען. געוויס נישט קומען.

און דאָס מיידעלע איז טאקי נישט געקומען נאָגצע דריי טעג. אָבער אויפ'ן פיערטען טאָג האָט ער דערהערט איהרע טריט ביים ברעג פון טייך. זי איז געגאנגען מיט שטילע טריט.

אז זי איז געקומען נאָהנט צו איהם, האָט

ער געזאָגט:

— דאָס װענט איהר? דאָס נעכטיגע מיי־דעלע?

האָט דאָס מײדעלע נישט געענטפערט. אונ־טער איהרע פיס האָבען זיך געקױקעלט שטײנ־דעליך מיט גערױש. זי האָט עפּיס שטיל געזונ־גען, און אין איהר קול האָט דאָס יונגעל דער־קאָנט, אז זי איז בּרוגז אויף איהם.

אָבגעגאנגען עטליכע טריט װײַטער, איז זי געבּליבּען שטעהן. שטיל איז געװאָרען צװישען זײ בּײדען. דאָס מײדעלע האָט בּעקוקט די פעלד־בּלומען, װאָס זי האָט געהאלטען אין האנד, און ער האָט געװארט, זי זאָל אָנהױבּען רײדען. און דעם מײדעל'ס שװײַגען האָט ער געפיהלט, אמין צו־לְהַכְעִיס, װי זי װאלט זיך גערײצט מיט איהם.

— װעהט איהר דען נישט, אז דאָס בּין איך? — האָט זי איהם דערנאָך געפרעגט קאלט

און רוהיג.

די דאָזיגע פראגע האָט של׳מ׳ה׳לען א שטאָך געטהאָן דאָס הארץ. געשוויגען האָט ער, און די הענד זיינע, וועלכע ער האָט זיך אָנ־געשפּארט אָן דער ערד, האָבען ציטעריג א ריס געטהאָן דאָס גראָז.

דאָס מיידעלע איז זיך אלץ געשטאַנען אויף איהר אָרט און רוהיג בעטראכט איהרע פעלד־בלומען.

— ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט אזוי גוט שפּיעלען אויפ׳ן פידעל?... —האָט זי שטיל געפרעגט.

א מוזיקאנט... א לעהרער... —האָט ער מיט א וועה געענטפערט.

— שפּיעלסט זעהר שען!.. אָבער פארוואָס ביזטו אזא שלעכטער?

— איך... איך בין נישט בייז אויף אייך...— האָט ער גאָר שטיל ארויסגעזאָגט.

— וועל איך אויך נישט זײַן בייז...— איז דאָס מיידעלע צוגעגאַנגען נעהנטער, — לאָמיר שפּיעלען צוזאַמען.

— איך קאָן מיט אײַך נישט שפּיעלען, האָט ער אַראָבגערוקט דעם קאָפּ.

— קאָנסט נישט שפּיעלען? פאַרוואָס?..

— פאַרוואָס? אַזוי...

— פאַרוואָס אַזוי?..

— אַזוי...—האָט ער נאָך שטילער אַרויס־געשעפּטשעט און נאָכמעהר אַראָבגעבויגט דעם קאָפּ.

קיינמאָל האָט ער נאָך מיט קיינעם נישט גערעדט וועגען זײַן בלינדקײַט. קיינער האָט איהם קיינמאָל נישט געפרעגט וועגען דעם? דאָס מיידעלע מיט'ן גוטען קול האָט איהם דאָס האַרץ צוריסען. זי ווייס נישט, אַז ער איז בלינד.

— עפּיס אַ מאָדנער ביזטו,— האָט זיך דאָס מיידעלע אַנידערגעזעצט נעבען איהם אויפ'ן גראָז—

א בייזער ... דו קאָנסט מיך אָבער נישט . זעהסטו,
איך בין אויף קיינעם נישט ב[illegible]. אלעמען האָב
[illegible] האָלט ...

[illegible]ם מיידעלע ווייך און קלאָר אין
[illegible]ל[illegible]ה׳לע פיעלט בְּעֵת מַעֲשֶׂה,
וו[illegible] [illegible] בלומען צו זיך אין פארטוכעל.

— וואו האָט איהר גענומען בלומען ? —
האָט ער געפרעגט.

— אָן דאָרטען , — האָט זי בעוויזען מיט׳ן
האנד אויף הינטער .

— אויפ׳ן פעלד ?

— ניין , דאָרטען .

— אין וועלדיל ? וואָסערע בלומען האָט
איהר ?

— זעהסטו נישט די בלומען ? ביזט עפּיס
זעהר א מאָדנער ... עפּיס זעהר א מאָדנער ...

שלמה׳לע האָט גענומען א בלומעל אין
האנד . די פינגער האָבען פלינק איבערגעטאפּט

די בלעטליך .

— דאָס איז א דאָרן־בלומעלע — האָט ער געזאָגט,—און אָט דאָס בלומעלע וואקסט בײַם וועג .

און שׂלמה׳לען האָט זיך געוואָלט וויסען, ווי זעהט אויס דאָס מיידעלע. האָט ער זי אָנגעריהרט בײַם אקסעל מיט דער לינקער האנד און מיט דער רעכטער אָנגעריהרט איה־רע האָהר, די ברעמען, די נאָז, דאָס גאנצע געזיכט .

געטהאָן האָט ער עס אזוי שנעל, אזוי פלינק, אז דאָס מיידעלע, א פערוואונדערטע, האָט קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אויסריי־דען. זי האָט נאָר געקוקט אויף איהם מיט ברייט־אויפגעריסענע דערשראָקענע אויגלעך.

ערשט איצט האָט זי בעמערקט, אז בײַ דעם אונבעקאנטען יונגעלע איז עפּיס אַנ׳אוים־טערליש געזיכט. זײַנע אויגען האָבען עפּיס גע־

קוקט ווײַט און נישט דערויף, וואָס זײַנע הענד האָבען געטהאָן. די הענד האָבען געטהאָן בע־וונדער און די אויגען האָבען געקוקט בעוונדער, און אין זיי, אין די אויגען, האָט זיך שטאַר אָבגעשפּיגעלט די רויטע ... ־ין.

א שרעק האָט דערנומען דאָס מיידעלע, זי האָט שנעל בעפרײַט איהר אקסעל פון זײַ־נע הענדעלעך, איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט זיך מיט אמאָל פונאַנדערגעוויינט.

— פאַרוואָס שרעקסטו מיך, בייז יונגעלע...— האָט זי געוויינט,— וואָס האָב איך דיר געטהאָן פאַר א שלעכטס?

שלמה'לע האָט אראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך ווידער אָנגעהאַפּט מיט ציטערדיגע הענד פאַר'ן גראָז. אין האַלז איז איהם געשטאַנען א הייסער קנויל. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערפיהלט דעם צער פון א מום. דאָס ערשטע מאָל איז ער בעליידיגט געוואָרען צוליעב זיינע בלינדע

איינגען. דער הייסער קנויל אין האלז איז ברייטער געווארען, און שלמהלע איז געפאלען אויפ'ן גראז און זיך אויך פונאנדערגעוויינט. זיין קליין קעפעריל האט זיך געטרייסעלט ביים וויינען.

דאס מיידעלע, וואס איז פריהער אראבגעלאפען פון בערגיל, האט דערהערט שלמהלע געוויין און איז געבליבען שטעהן. קוקט זי אויפ'ן בערגיל, זעהט זי, אז שלמהלע ליעגט מיט'ן פנים צו דער ערד און וויינט יאמערליך. פערנעהמט עס איהר ביים הארצען און זי קעהרט זיך אום און געהט צו צו שלמהלען.

— וואס וויינסטו? — האט זי שטיל געפרעגט — דו מיינסט, איך וועל מסר'ן דער מאמען? נארעלע, איך וועל נישט מסר'ן...

און איהר קול איז אזא הארציגער, אזא ווייכער, אז שלמהלען ווילט זיך נאך העכער וויינען.

איז דאס מיידעלע צוגעפאלען צו איהם

און גענומען איהם גלעטען פאר די האָהר. דערנאָך האָט זי איהם אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען אויסווישען מיט א טיכעל זײַנע טרעהרען. און געטהאָן האָט זי דאָס ווייך, בארעמהארציג, טרײַ, פונקט ווי איהר מאמע טהוט מיט איהר, בעת זי צעוויינט זיך.

— נו, שאַ, נו, שאַ...—האָט זי איהם בערוהיגט,—דו ביזט א גוטער, א גוטער, א גוטער...

— איך האָב דיך נישט געוואָלט דערשרעקען,—האָט ער מיט א שטילען חליפען געזאָגט—דו גלויבסט מיר?..

— נו, שאַ, נו שאַ... ביזט א גוטער... איך גלויב דיר...

דאָס מיידעלע האָט שלמה'לען אנידערגעזעצט נעבען זיך אין גראָז. שלמה'לע האָט געפאָלגט. געזעסען איז ער ווי פריהער, מיט'ן געזיכט צו דער רויטער פארנאכט־זון, און אז דאָס מיידעלע האָט ווידער אריינגעקוקט איהם

אין פָּנִים, האָט זי זיך ווידער דערשראָקען, אָבער שוין נישט אזוי ווי פריהער.

אין דעם יונגעלע׳ס אויגען זענען נאָך גע־שטאַנען טרערען, אָבער די דאָזיגע אויגען זע־נען געווען אונבעוועגליך. איהם האָבען געצי־טערט די בעקלעך, די אויגען אָבער זענען שטאַר געשטאַנען.

— פונדעסטוועגען ביזטו עפּיס א מאָדנער...— האָט זיך דאָס מיידעלע נישט געקאָנט איינ־האַלטען.

א מאָדנער, מיינסטו, בין איך, — האָט של׳מ׳ה׳לע מיט צַעַר פערקרימט דאָס געזיכט,— ניין, נישט קיין מאָדנער... איך... איך... בין א בלינדער...

— א בלינ—דער?—האָט דאָס מיידעלע אויס־געצויגען דאָס וואָרט מיט שרעק און האָט זיך א טרייסעל געטהאָן,—א... א בלינ—דער?

א ווײַלע האָט זי נישט געקאָנט ריידען, און

ד״ר נאָך איז איהר מיט אמאָל אָנגעגאָסען געוואָ־
רען דאָס הערציל מיט רַחֲמָנוּת צו שׁלִימַזל׳לען.
— א בלינד יונגעל, — האָט איהר שטארק
באנג געטהאָן. זי האָט איהם ארומגענומען און
זיך נאָכאמאָל פונאנדערגעוויינט.

II.

דערנאָך האָבען ביידע געשוויגען. געקוקט
האָט דאָס מיידעלע אויפ׳ן הימעל, וואו די זון
איז אונטערגעגאנגען א רויטע, א בלוטיגע. און
אז זי האָט זיך שוין מעהר נישט ארויסגע־
זעהן, איז ארויסגעטראָטען דער טונקעלער וואלד
אויפ׳ן ראַנד פון הימעל.

א קאלטע לופט האָט געטראָגען פון טײַך,
עס איז דונקעלער געוואָרען, און דער שטילער
אָווענד האָט זיך אָבגעשפיגעלט אין דעם יונ־
געלס בלינדע אויגען. דער מיידעלע׳ס מיטלייד
האָט איהם אינגאנצען בערוהיגט.

— דו טהוסט מיר באנג ... — האָט זי קוים ארויסגערעדט.

זי האָט אָבער באלד פערשטאנען, אז מעהר דארף מען נישט ריידען וועגען דעם. בעסער ריי־דען עפּיס אנדערש. זאָל ער זיך בערוהיגען.

— די זון איז שוין פערגאנגען, — האָט זי געזאָגט.

— איך וויים נישט ווי אזוי די זון זעהט אוים, — האָט ער זיך געקלאָגט פאר איהר, ווי פאר א מאמען, — איך פּיהל נאָר די זון...

— ווייסט נישט, ווי זי זעהט אוים?

— ניין

— און דיין מאמען קאָנסטו?

— דער מאמען קאָן איך. איך דערקאָן אפילו פון דערווייטענס איהרע טריט.

— דער מאמען קאָנסטו? - האָט דאָס מיי־דעלע אונטערגעשפּארט דאָס בעקיל אויפ׳ן הענד־טיל, — דער מאמען וואָלט איך אויך דערקאָנט

אפילו מיט צוגעמאכטע אויגען

און שטיל האָבען זיי ביידע ווייטער גערעדט.

— איהר ווייסט? — האָט זיך דאָס בלינדע יונגעלע האסטיג בעוועגט, - אז די זון געהט אונטער, פיהל איך דאָס... איך פיהל...

— ווי אזוי קאָנסטו עס פיהלען?

— דו פערשטעהסט... איך פיהל... איך ווייס אליין נישט פארוואָס...

— דו פיהלסט? — האָט זיך דאָס מיידעלע פערטראכט, פונקט ווי זי וואָלט זיך ארייַנגעטהאָן דערין, ווי אזוי ער פיהלט די זון.

דערנאָך האָבען ביידע געשוויגען. דער אָווענד איז דונקעלער און שטילער געוואָרען.

— איך קאָן לייענען, ווייסטו?.. — האָט זיך דער ערשטער שלמה'לע אָנגערופען, — און שרייבען וועל איך אויך באלד קענען.

— ווי אזוי? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט און זיך באלד פערשעמט, וואָס זי פרעגט איהם

אזעלכע זאכען. פארוואָס מאטערט זי איהם.
נאָר שלמ'ה'לע האָט זי אָבער פערשטאנען.

— מיט די פינגער לייען איך... פערשטעהסט?

— מיט די פינגער? קוים וואָס איך לייען מיט די אויגען... און דו נאָך מיט די פינגער...

ערגעץ ביים ברעג, צווישען שטיינער, האָט דאָס וואסער פון טײַך געמורמולט. א שאָרך פון א בוים האָט זיך דערטראָגען. אין מיטען הימעל האָט זיך בעוויזען א ליכטיגער, א גאָלדענער שטערען.

— שלמ'ה'לע, — האָט עמיצער גערופען הינטער'ן בערגיל,—אהיים געה.

— מען רופט דיך אהיים,—האָט זיך דאָס מיידעלע אויפגעשטעלט.

— מען רופט...— איז נאָך שלמ'ה'לע געבליבען זיצען,—איך וויל אָבער נישט געהן...

דאָס מיידעלע האָט איהם א גלעט געטהאָן פאר די האָהר.

— געה, ש׳ל׳מ׳ה׳לע...—האָט זי זיך אָנגעבויגען צו איהם,—מאָרגען וועל איך קומען צו דיר. איך דארף שוין אויך געהן. מען ווארט אויף מיר.

## III.

און פון דעם טאָג אָן זענען די קינדער געוואָרען גרויסע פריינד צווישען זיך. דאָס מיידע־לע, וואָס האָט געהייסען דִ׳י׳נָ׳ה׳לע, פלעגט אלע טאָג קומען צו ש׳ל׳מ׳ה׳לען אהיים, אוןביידע האָבען זיך געלערנט צוזאמען. צוזאמען איז גע־ווען לייכטער און זיסער צו לערנען.

ש׳ל׳מ׳ה׳לע האָט אָנגעהויבען ווערען פרעה־ליכער. אָפטער פלעגט ער לאכען, און ביים מי־טאָג פלעגט ער עסען מעהר, ווי אלעמאָל.

פארנאכט, נאָכ׳ן מיטאָג און נאָכ׳ן לערנען, פלעגט ש׳ל׳מ׳ה׳לע נעהמען די פּיעדעל אין האנד און פלעגט שפּיעלען. אזוי זיס, אזוי הארציג־ווייך און ליכטיג, אז ביי ש׳ל׳מ׳ה׳עס מאמען פלעגען

זיך בעווײַזען טרעהרען אין די אויגן פון שׂמחהָ, און דאכטען פלעגט זיך, אז די גאנצע שטוב ווערט פערטרונקען מיט ליכטיגע ווארימע פּיע־דעל־קלאנגען.

— דאָס שפּיעל איך אזוי גוט, ווײַל דינה׳לע איז דאָ...—האָט איינמאָל שלמה׳לע דער־קלערט די מאמען.

און ער דאָט א שמייכעל געטהאָן זיס און שטיל...

## I.

זומער איז יאָסעלע׳ן גוט. פויגעלעך זינ־
גען, דאָס גראָז איז גרין און די זון לײַכט א
גאנצען טאָג.

יאָסעלע איז א פאסטוך. ער געהט פאַראויס
און הינטער איהם שפּאַנט די טשערעדע ווײַנע.
פון אין דער־פריה ביז בײַנאכט פּאשעט ער שאָף
און רינדער, מיט א בײַטש אין איין האנד און
מיט א פײַפעל אין דער צווייטער, און די אוי־
געלעך שטראהלען איהם פון פרייד און תַּעֲנוּג.

גוט איז יאָסעלען זומער. דאָס פעלד איז
ברייט און פרײַ און גרין, בלומעלעך קוקען
פון גראָז ארויס: ווײַסע בלומעלעך, בלויע,

רויטע, און דער הימעל איז הויך און ריין און טיעף. און יאָסעלען דאכט זיך, אז ער וואקסט אין דער הויך און אז ער וועט אויסוואקסען ווי יענע הויכע סאָסנע, וואָס שטעהט אין זון אין מיטען פעלד

## .II

גאָר גוט איז פריהלינג אין פעלד.

צו האלבען טאָג קומט יאָסעלע מיט דער טשערעדע צום טײַך. טרינקען זיך אָן די בְּהֵמוֹת, באָדען זיך אינ'ם וואסער, הויבען-אויף חוואַ-ליעם ארום זיך. די יונגע שעפּסעלעך שפּרינ-גען און שפּיעלען זיך מיט איינאנדער, און יאָ-סעלע ליעגט אויפ'ן ווײַסען ריינעם זאמד און האָט הֲנָאָה.

די זון באקט, דאָס בלויע טײַכעלע רוישט, די הויכע וואסער-גראָזען בויגען זיך און שעפּ-טשען, פּונקט ווי זיי וואָלטען דערצעהלט צווי-



שען זיך א שען מַעֲשֶׂה׳לע. מיט אמאָל גיט א בלאָז א ווארים ווינדטעל, אויפ׳ן בלויען טַי־כעלע לעגען זיך קנייטשען, אויפ׳ן הימעל בע־ווייזט זיך א ווייס וואָלקענדיל און די הויכע וואסער־גראָזען שעפּטשען העכער.

יאָסעלען צוציהט זיך פון תַּעֲנוּג דאָס הארץ. נעהמט ער שפּיעלען אויפ׳ן פּייפעלע. א דין פרעהליך ליעדעל טראָגט זיך פונאנדער איבער דעם גרינעם פעלד. דאָס ליעדעל פליסט פון פּייפעלע, און יאָסעלען דאכט זיך, או דער הימעל און די פויגעלעך און די גראָזען און דער טייך און די פישלעך פון טייך הערען ווי ער שפּיעלט און פרעהען זיך מיט איהם.

.III

אין הערבסט ווערט קאַלט. דער הימעל ווייהט מיט קאַלטען דראָבנעם רעגען, אויף די פעלדער איז דונקעל און וויסט, און יאָסעלען

גווערט ווער אומעטיג.

דער הימעל איז גרוי און אומעטיג. די בוימער אומעטיג. א קאַלטער פּייכטער ווינד בלאָזט אראָב פון זיי די טרוקענע געלע בלע-טער, און יאָסעלע טראכט מיט ווען, אז אלץ זאנגעלט זיך מיט'ן בייזען הערבסט: די געלע בלעטער ווילען נאָך פערבלייבען אויפ'ן בוים און קענען נישט, דער הימעל וויל זיך אויס-לײַטערן און קען נישט, די לעצטע הערבסט-בלימעלעך ווילען א שמייכעל טהאָן און קענען נישט. אויף אלץ הויערט דער בייזער הערבסט.

און עס שפּרינגען שוין נישט די שעפּסע-לעך. זיי זענען עלטער געוואָרען און אומעטי-גער. און די טעג ווערען קירצער און קירצער. עס דאכט זיך, באלד וועט שוין מעהר גאָר קיין טאָג נישט זיין.

## IV.

אָבער ווינטער איז נאָך ערגער. ווינטער דארף מען זיצען אין שטוב. יאָסעלע האָט קײַן חַבֵרִים נישט. יאָסעלע האָט נישט ליעב זייער שרײַען און שטיפען, זייער טומלען און קריעג, און אין פריהלינג געהט ער קיינמאָל נישט מיט זיי קאליע מאכען די נעסטען פון די שווארצע קראָהען. ער האָט רַחֲמָנוּת אויף די יונגע קראָהעלעך. פאַר־וואָס זאָל מען זיי מוטשען? זיי ווילען דאָך אויך לעבען, און זיי האָבען אויך אַ טאטען מיט א מאמען, וואָס פליהען ארום נעסט און שרײַען יאָמערליך. אַרַחֲמָנוּת די יונגע קראָהעלעך.

## V.

יאָסעלע האָט טאקי נישט קײַן טאטען און נישט קיין מאמען. ער געדענקט זיי גאָרנישט. שטענדיג וואוינט ער בײַ פרעמדע. מען גיט איהם זָב א ווינקעל אין שטוב. אין ווינקעל

שטעהט א געלעגער פאר איהם. ביינאכט שלאָפט ער דאָרט, און ביי טאָג קוקט ער דורכ'ן פענ-סטער, ווי עס פאלט דער שניי, ווי די דעכ-לעך פון די הייזער טהוען אָן ווייסע היטלען און די הימלען ווערען אָנגעגאָסען מיט בליי. די זון איז נישטאָ. געהט מען ארויס אין דרויסען, איז קאלט, דער שניי וויקעלט זיך ארום די פיס, פאלט אויף די אויגען און אין האלז. די הענד פריהרען און עס איז שווער צו געהן. ויצט יאָסעלע נאָר ביים פענסטער און בענקט נאָך דער זון און נאָכ'ן בלויען טייכעל און נאָך די גרינע פעלדער און נאָך די פרעהליכע פויגעל.

און איהם ווילט זיך ווייגען. וואו איז די זון? וואו וואוינט די זון? צי קען מען נישט פרעגען ביי מענשען:

— וואו וואוינט די זון?

## VI.

אָבער באלד ווי עס ווײַזען זיך די ערשטע שטראַהלען פון דער זון, ווערט יאָסעלע׳ן פרעהליך. זעצט ער זיך אין דרויסען אויף א בערגעל און הויבט אָן שפּיעלען אויפ׳ן פײַפעל. אויפ׳ן הימעל לײַכט די זון, אין לופטען טראָגען זיך מְחַיֶה׳דיגע ווינדטעלעך און אויף די געבויגענע ווערבע-בוימער זעהן זיך שוין די זעפטיגע שפּראָצונגען פון בלעטער. נאָך עטליכע טעג — און די זון וועט נאָך שײַנען א העלערע, א נעהנטערע און א ווארימערע. און בײַ יאָסעלע׳ן גיסט דאָס פײַפעל מיט פרעהליכע הארציגע ליעדער.

פאָהרט איינמאָל פארבײַ דער דאָקטאָר פון דעם דערבײַאיגען שטעדטיל — זעהר א שענער יוד און א רײַכער. הערט ער ווי יאָסעלע שפּיעלט אויפ׳ן פײַפעל און בלײַבט שטעהן מיט דער

רײַכער קאַרעט אויפ'ן מיטען וועג. דאָס מויל איז איהם אָפען. די אויגען ברייט־אויפגעריסען. ער האָט נאָך קיינמאָל אזא שפּיעלען נישט גע־הערט. געהט ער אראָב פון קאַרעט און פרעגט יאָסעלע'ן:

— ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט אזוי שפּיעלען?

אָבער יאָסעלע הערט גאָרנישט, וואָס מען רעדט צו איהם און ער שפּיעלט. נעהמט איהם אָן דער דאָקטאָר בײַם האנד און פרעגט נאָכ־אמאָל.

—ווער האָט עס דיך אויסגעלערנט אזוי שפּיעלען?

הערט שוין יאָסעלע, וואָס מען פרעגט בײַ איהם. אָבער ער ווייס נישט וואָס צו ענט־פערן. נעבען איהם שטעהט דער דאָקטאָר מיט ברילען און מיט לאנגע האָהר. און יאָסעלע וויל וויינען.

קיינער האָט איהם נישט געלערנט, — זאָגט חַנָה די אַלְמָנָה, וואָס שטעהט דערבײַ מיט א טעפּיל אין האנד. — אליין, אליין שפּיעלט ער. א פאסטוך איז ער בײַ אונז...

— וועל איך איהם נעהמען צו זיך, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופען, — ווי הייסט ער? ווער איז ער?

— יאָסעלע רופט מען איהם. א יָתוֹם איז ער, נעבעך. אָהן א טאטען, אָהן א מאמען.

— וועסט פאָהרען צו מיר, יאָסעלע? — בויגט זיך צו דער דאָקטאָר און פרעגט מיט א גוטער שמים.

אָבער יאָסעלע פערשטעהט נישט, וואוהין פאָהרען. ער זעהט נאָר, אז עס שײַנט די זון און אויף די געבויגענע ווערבע־בוימער ווײַזען זיך גלאנציגע שפּראָצונגען פון בלעטער.

## VII.

פאָהרט יאָסעלע אין דעם דאָקטאָר׳ס קאַ-
רעט צוזאַמען מיט׳ן דאָקטאָר. די קארעט איז
אנ׳אויסגעפוצטע און אנ׳אויסגעמאָלטע, און אויף
דעם פערד׳ס האלז קלינגען תּנ׳ווּדיגע גלעקע-
לעך. הערט יאָסעלע, ווי עס קלינגען די דאָזיגע
גלעקעלעך, פּונקט ווי א שענער נִגוּן וואָלט גע-
שוועבט איבער׳ן פעלד, הערט ער, הערט ער
זיך צו און בעמערקט גאָרנישט, ווי דער דאָק-
טאָר איז מיט איהם ווײַט אוועקגעפאָהרען,
ווײַט איבער פעלדער און וועלדער און איז גע-
קומען אהיים. דעם דאָקטאָר׳ס ווײַב, א שענע פרוי
מיט גוטע אויגען, האָט יאָסעלען איבער געטהאָן אין
אנדערע קליידער און פריהער האָט איהם די דיענסט
אויסגעוואשען מיט זייף דאָס גאנצע לײַב. קוקט זיך
יאָסעלע ארום. זעהט ער זעהר א שען הויז מיט
בילדער אויפ׳ן וואנד און מיט שענעם מעבעל
אין די צימערן. די פּאָדלאָגע איז געמאָלט,

און בײַ יעדער טהיר זענען דאָ אזוינע ווײַסע קנעפּעלעך, וואָס אז מען גיט זיי א דריק, קלינגט עס אפילו סאמע אין די ווײַטעסטע צימערן.

אין שטוב געהען אלע רײַך אנגעטהאָן, אויף די פינגער טראָגט מען קײַלעכיגע גאָלדענע רייפלעך מיט בלישטשענדע גלעזעלעך, נאָר עס איז אומעטיג. און יאָסעלען ווילט זיך ווייִנען. נישטאָ דאָ דאָס טײַכעלע, נישטאָ די פרײַע פעלדער, נישטאָ די פרעהליכע פויגעל, נישטאָ די שעפּטשענדיגע הויכע טײַך-גראָזען.

## VIII.

פון אומעט ווערט יאָסעלען דאָס הארץ צוזאמענגעדריקט. און אויפ'ן פײַפעל שפּיעלט ער נישט. גלעט איהם דער דאָקטאָר, פרעגט איהם דער דאָקטאָר, דעם דאָקטאָר'ס ווײַב:

— יאָסעלע, פארוואָס שפּיעלסטו נישט?

שווײַגט יאָסעלע.

ער קען נישט שפּילען, בְּעֵת עס ווילט זיך נישט. דאָס האַרץ איז איהם צוזאַמענגע־דריקט. דעם דאָקטאָרס שטוב איז שען, רייך, אָבער זי געפעלט איהם נישט. ער האָט מוֹרָא פאַר די גרויסע צימערן מיט די ווייסע קנע־פּעלעך ביי די טהירען און פאַר דער געמאָהל־טער פּאָדלאָגע און פאַר די געשניצטע שטוה־לען און פאַר די ברייטע גאָלדענע ראַהמען פון די בילדער, וואָס הענגען קרום אויף די ווענד. אין פעלד איז בעסער. נעבען טייכעל איז פרעה־ליכער.

דאָ קען ער נישט שפּילען. וויל יאָסע־לע אנטלויפען, קען מען נישט: א הויכער פאַר־קאַן ציהט זיך פאַר'ן הויז.

IX.

אוּן וואָס א טאָג ווייטער, ווערט יאָסע־לע'ן אלץ ערגער. עס ווייגט איהם דאָס האַרץ

ליעגט ער אויפ'ן בעטיל און נעבען איהם דאָס פײַפעל. שפּיעלען קען ער נישט. און עס ציהט אין פעלד, צו די הויכע טײַך־גראָזען.

פרעגט איהם איינמאָל דער דאָקטאָר:

— יאָסעלע, זאָג מיר, וואָס פעהלט דיר?

— אהיים וויל איך!..—האָט זיך יאָסעלע מיט אמאָל אויפגעהויבען פון בעט מיט ברע־נענדיגע אויגען, — אהיים וויל איך. דאָרט איז די זון און דאָס הויכע טײַך־גראָז, און דער הימעל איז אזוי ברייטער, אזוי ברייטער...

האָט זיך א ווײַלע דער דאָקטאָר פער־טראכט.

— אֶפְשָׁר זאָל איך איהם טאקי אָבשי־קען אהיים?—האָט ער פאר זיך ארויסגעזאָגט.— אז ער קען דאָ נישט זײַן... איך האָב גע־מיינט, ער וועט שפּיעלען. ערשט שפּיעלען קען ער נאָר אין פעלד.

און דעם דאָקטאָר'ס ווײַב איז אָנגעקומען,

— שיק איהם אָב אהיים. איך קען דאָס נישט זעהן. ווי א פויגעלע אין א שטייג, ווערט ער דערשטיקט.

X.

און אָט איז יאָסעלע אין דער-היים. דער דאָקטאָר האָט איהם אָבגעשיקט. עס איז זומער. די פעלדער זענען גרין, דאָס טײַכעלע רוישט, די הויכע גראָזען שעפּטשען און מורמלען, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך דערצעהלט א מַעֲשֶׂה׳לע, און די יונגע שעפּסעלעך שפּרינגען און שפּיעלען זיך.

יאָסעלע ליעגט אויפ׳ן ברעג טײַך, אויפ׳ן גרעלען זאמד און פײַפט א פרעהליך ליעדעל אויפ׳ן פײַפעל. דאָס ליעדעל צוגיסט זיך איבער די פעלדער, ווי ליכטיגע שטראהלען, נאָר דאָך איז אין דער פרעהליכקײַט פאַרהאַן עפּיס

אנ'אומעט.

יאָסעלע קען שוין רעכט פרעהליך נישט שפּיעלען. זײַן הארץ איז איהם פערוואונדעט. בײַם דאָקטאָר איז עס פערוואונדעט געוואָרען. דאָרט אין געפאנגענשאפט, האָט ער אויסגעוויינט זײַנע כּחות. א גוטער מענש דער דאָקטאָר, זײַן פרוי נאָך א בעסערע, די צימערן רײַכע, גרויסע, דאָס מעבּיל מיט גאָלד בעפּוצט — אָבער דאָס אלץ האָט געשראָקען און פערוואונדעט דאָס הארץ. און יאָסעלע פּאשעט זיינע שאָף, און שפּיעלט אויפ'ן פײַפעל און איז זיך מְשַׂמֵחַ מיט'ן טײַכעל—און אנ'אומעט קוקט איהם ארוים פון די אויגען. ער זעהט נאָך אלץ די רײַכע טריבּע צימערן פונ'ם דאָקטאָר.

און צו הערבּסט, ווען די בּלעטער זענען געפאלען פון די בּוימער און א ווינד האָט געבלאָזען און א קאלט דראָבּנע רעגענדיל האָט געשפּריצט און דער הימעל האָט זיך אָנגעטהאָן

אין אנ'אלטען גרויען פעלך און אויף די פעלי-
דער וענען געלעגען דונקעלע געדיכטע שאָטענם —
האָט שוין יאָסעלע נישט געלעבט. דאָס הארץ
איז איהם אויסגעגאנגען. דאָס ליעדעל אויפ'ן
פײַפעל איז אין מיטען איבערגעריסען געוואָרען.

XI.

ומער איז שוין געווען א נײַער פאסטוך.
מיט א בײַטש אין האנד האָט ער געטריבען
די טשערעדע אויפ'ן פעלד. דער האָט שוין
נישט געשפּיעלט אויפ'ן פײַפעל, און אָן יאָסע-
לען האָבען אלע פערגעסען.

אָבער נישט פערגעסען האָבען יאָסעלע'ן
די פויגלעך אין וואלד און די הויכע גראָזען
בײַם טײַך און די שטילע אָוונד-ווינדטלעך און
דער ברייטער פרײַער הימעל און דאָס ליעבע
אײַליגע טײַכעלע. און בײַנאכט, בְּעֵת עס איז
געווען זעהר שטיל, האָבען זיך אלע צווישען

זיך איבערגעפרעגט:

— וואו איז יאָסעלע ?..

און באלד דערנאָך וועהר שטיל:

— יאָסעלע, יאָסעלע, וואו ביזטו ?

דער הימעל און די אָוועגד־ווינדטלעך און די טײַך־גראָזען און די וואלד־פויגעלעך און דאָס טײַכעלע האָבען אלע געווארט אויף איהם...

געווארט — און געטרויערט נאָך איהם.

Club Infantil
Racionalista
ISRAELITA
Bs. AIRES
אידישער
ראציאנאליס־
טישער
קינדער־קלוב
ב. איירעס

215

152